*With the Compliments of . . .*

# DEL-MONTI SUITS

●

MAKERS OF FINE QUALITY MEN'S SUITS

* * *

SUITS DIRECT FROM WORKROOM TO YOU

**154-156 HIGH STREET, PRESTON, VIC. 3072**

**Telephone: 44-0567**

**200 WHITEHORSE ROAD, BLACKBURN, VIC. 3130**

**Telephone: 877-3316**

**1st FLOOR, 8-10 McRAE STREET, DANDENONG**

**Telephone: 791-4435**

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון אַנקע און הערשל באַכראַך

# מעלבורנער בלעטער

## ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

דעצעמבער 1975 נומער 1 מעלבורן, אויסטראַליע

* * *

צום ערשטן מאָל איז אַ זשורנאַל מיטן נאָמען „מעלבורנער בלעטער" אַרויסגעגעבן געוואָרן פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין מעלבורן, דערשינען אין דעצעמבער 1953. דער צווייטער נומער — אויגוסט 1955. זינט דאַן עקזיסטירט נישט מער קיין שרייבער־פאַראיין און נישט קיין ליטעראַרישער זשורנאַל (אַ חוץ דעם „לאַנדסמאַן", וואָס איז דערשינען אין משך פון 5 יאָר). צום באַדויערן עקזיסטירן אָבער ווייטער די נעגאַטיווע שטריכן פון אונדזער ישוב — אָנגעמערקט אין ערשטן נומער פון זשורנאַל (1953):

„ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז די מערכה פון דער היגער יידישער וואָכן־פּרעסע (אין 1953 זענען נאָך דערשינען צוויי וואָכן־צייטונגען) איז ווייט נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע; אַז די דערפילט נישט אירע אויפגאַבן; אַז אויף אירע שפּאַלטן קומען זעלטן צום אויסדרוק דאָס אומאָפּהענגיקע, קריטישע יידישע וואָרט".

דאָס געפיל, אַז אַזאַ זשורנאַל פעלט אין אונדזער ישוב, האָט יאָרן לאַנג נישט געלאָזן רוען די „קדימה"־טוער. אויך מיר האָבן פאַרשטאַנען דאָס, וואָס עס זאָגט דער אַריינפיר־אַרטיקל פון ערשטן נומער „מעלבורנער בלעטער":

„די מאָס, מיט וועלכער מען שאַצט דעם קולטור־מצב פון אַ פאָלק אָדער ישוב אין מאָדערנע טערמינען, איז בקיצור: דער פאַרנעם און די הויך פון זיין צושטייער צום גייסטיקן שאַפן, צו מענטשלעכע קולטור־ווערטן.

„מיר יידן האָבן שטענדיק אָפּגעשאַצט די חשיבות פון אַ קהילה לויט דער הויך פון איר גייסטיק־מאָראַלישער מדרגה, לויט איר נאַציאָנאַל־קולטורעלן באַוואוסטזיין. נישט ווייניקער אויך לויט דער וואַכזאַמקייט און אופן פון רעאַגירן אויף ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן קיום בכלל".

די „קדימה" — די איינגעוואָרצלטע קולטור־אינסטיטוציע פון אונדזער ישוב — מאַכט דעריבער אַ פּרוּוו ווידער אויפצולעבן אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל מיט דער האָפענונג צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ פּערמאַנענטער טריבונע פאַר אומאָפּהענגיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונגען (אין יידיש און ענגליש), ווי אויך געבן אַ היים שרייבער זאָלן קאָנען פאַרעפנטלעכן זייערע שאַפונגען.

אין די מעלבורנער באַדינגונגען איז עס אַ געוואַגטער שריט. מיט יאָרן צוריק, ווען אונדזערע יידיש־שעפערישע כוחות זענען געווען אי רייכער, אי צאָלמעסיק גרעסער (דאָס לאָזט זיך אָפּשאַצן לויט די אַלמאַנאַכן, וועלכע די „קדימה" האָט אַרויסגעגעבן) איז נישט געלונגען צו שאַפן אַ שטענדיקע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע. יעדע אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן אַזאַ זשורנאַל איז נישט געגאַנגען ווייטער ווי די פּלאַנירונג־סטאַדיע.

דאָך האָט זיך געפילט אַ מאַנגל פאַר אַזאַ אויסגאַבע. אויף אונדזער אַדרעס זענען אָפט געקומען אָנפראַגעס:

— ווי קומט עס וואָס אַזאַ ישוב ווי מעלבורן זאָל נישט פאַרמאָגן קיין אומאָפּהענגיקן געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל?

מיר שאַצן אָפּ די מאַטעריעלע שוועריקייטן וועלכע זענען דערמיט פאַרבונדן. מיר דערוואַרטן דעריבער, אַז דער יידישער ישוב וועט אונדזער איניציאַטיוו שטיצן.

די רעדאַקציע

---

## די פאַרבלאָטע יידישע ליטעראַטור

מיר ווערן וואָס אַ מאָל אָרעמער אין שעפערישע כוחות. נאָך איידער מיר באַוויזן אָפּגעבן כבוד איין שרייבער, ווערן מיר געוואָר אַז די רשימה פאַרגרעסערט זיך. לאָמיר דעריבער פאַרצייכענען אונדזער טרויער צוליב דעם פאַרלוסט פון די פאָלגנדיקע שרייבער:

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי;
יודל מאַרק;
אהרן שטיינבערג;
לייב אָליצקי;
ד"ר מאַרק דוואָזשעצקי;
פּערל האַלטער;
משה גליקסבערג;
שלמה ראָזענבערג;
מענדל מאַן.

כבוד זייער אָנדענק!

י. קאַהאַן

# אַמעריקע און אויסטראַליע גייען פייערן זייער 200-יאָריקן יובל

ביידע לענדער (און קאָנטינענטן) האָבן צווישן זיך אַ סך געמיינזאַמס. זיי האָבן דורכגעמאַכט ענלעכע פראָצעסן אין זייער קאָלאָניאַלן פעריאָד און אויך שפּעטער, בעת זייער אומאָפּהענגיקייט.

אַוודאי זענען פאַראַן אַ סך אונטערשיידן, למשל, אויסטראַליע האָט נישט הינטער זיך אַמעריקעס היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער שוואַרצער שקלאַפעריי, אָדער פון דעם פּיראַטן־סיסטעם אין די עליזאַבעטישע צייטן. זי האָט נישט די געשיכטע פון די „פּילגרים־פּאַטערס" און זי האָט נישט די טראַדיציעס פונעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג און פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער פערמענטאַציע. נישט די פילאָזאָפיע פון מענטשן־רעכט און אויך נישט דעם קאַמף פאַר פרייהייט און עמאַנציפּאַציע. איך קען נאָך צוגעבן, אַז זי האָט אויך נישט די „מאָרמאָנען" סעקטעס און נאָך אַנדערע אונטערשיידן, וואָס טיילט אויס ביידע לענדער אין זייער בראשית און אַנטוויקלונג אין לויף פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר.

אָבער טראָץ די אַלע אונטערשיידן איז דאָ פיל בשותפותדיקע שטריכן אין דעם וועג — ריכטיקער — אין דעם שפּרונג (אָדער קפיצת הדרך) וואָס די ביידע קאָנטינענטן האָבן דורכגעמאַכט אין אַזאַ פאַרהעלטניש־מעסיק קורצער צייט פון אַ געשיכטלעכן אָפּשניט.

ווען מיר נעמען צאָלמעסיק דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, זעען מיר, אַז אין לויף פון 200 יאָר איז עס געשטיגן 90 מאָל אַזוי פיל (אין 1776 זענען געווען נאָר צוויי און אַ האַלבער מיליאָן מענטשן).

ווידער אין אויסטראַליע איז די באַפעלקערונג (די ווייסע) אויסגעוואקסן — זינט דער ערשטער שיף פאַרשיקטע — פון די בערך טויזנט נפשות (1778) ביז פערצן מיליאָן (לעת עתה) און עס פעלט נאָך אַ 12 יאָר צו דעם קיילעכדיקן ציפער פון 200 יאָר (1988) ווייסער אויסטראַליע.

לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען, אַז אויף דעם אויסטראַלישן שטח פון אַ דריי מיליאָן קוואַדראַט מיילן איז געווען אַ מענטשלעכע ליידיקייט מיט קנאַפּע 200 יאָר צוריק (מען שאַצט די אַבאָרידזשינישע באַפעלקערונג דאַן צו אַ 300 טויזנט נפשות איבער דעם גאַנצן קאָנטינענט). אַ לאַנד וואָס איז געווען געאָלאָגיש אַזוי אַלט, האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט געבליבן שטיין סטאַטיש, אָן אַנטוויקלונג, אפשר אַ מיליאָן יאָר. מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן זיך געפילט אויף דעם ליידיקן קאָנטינענט פון מענטשן, און באַגעגנט אַזעלכע פרעמדע חיות, פייגל, פלאַנצן. זיי האָבן זיך געטראָפן מיט ביימער, וועלכע זיי האָבן פריער קיין מאָל אין לעבן נישט געזען, און די ביימער איך בוש זענען געווען, ווי די שטערן אין הימל, אָבער זיי האָבן נישט געלויכטן אויפן געמיט, נאָר פאַרקערט — געדריקט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן. דאָס לאַנד ריזעדיק, ביזאַר, רויט, מיט פעלדזן־קייטן, וואָס זענען געוואָרן סימבאָלן, אָפּגעזונדערט, און אַזוי ווייט פון דער אַלטער וועלט.

די ערשטע קאַפּיטלען פון דער אויסטראַלישער געשיכטע פאַרמאָגן אַ סך פּעסימיסטישע טענער לגבי דעם לאַנד און זיין צוקונפט. היינט, ווען מיר קוקן אויף זיי פון אַ ווייטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, זעען מיר קוראַזש, אויסדויער, נצחון איבער די דורכפאַלן, נויט, בעסטיאַלישקייט. געשעענישן פון פּיאָנערישן בראשית זענען היינט אויס אַנדערש, ווען מען קען זיי אָפּשאַצן אין אַ היסטאָרישער ראַם. אָבער ווען מיר זאָלן קענען אַריינגיין אין דער הויט פון יענע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געלעבט אין באַדינגונגען, ווי עס באַשרייבט, למשל, אַ מרס. ווהייט (אין איר בוך „וועגן גייען נישט דורך"), ווען זי שילדערט דאָס לעבן פון אַ שטאָטיש־דערצויגענער פרוי, וועלכע גייט אַוועק מיט איר מאַן און פיר־יאָריק קינד אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער וועלט, וואָס פירט דורך אַ באַרגיקן זאַמדיקן לאַנד. דאָרט דאַרפן זיי אָנפירן מיט אַ פי־סטאַציע אויף אַ שטח פון אַ מיליאָן אַקער לאַנד.

לייענט איר אַזאַ געשיכטלעכן בוך, וואָס איז כמעט דאָקומענטאַריש אין דער באַשרייבונג פונעם רעאַלן לעבן, אָן ראָמאַנטישע באַפוצונגען איבער דער דערדריקנדיקער איינזאַמקייט, אָן סענטימענטאַלקייט אין איר פּרעציזער שילדערונג פון די מדבּרדיקע זאַמד־שטורעמס, פון די טריקענישן און אומדערטרעגלעכע טראָפּיקאַלישע היצן, אַ חמימה פון וועלכע אַפילו די פייגל פאַלן אַוועק טויטע.

זי שילדערט אַ בילדל, וואָס האָט אין זיך די עלעמענטן פון אַ שטאַרקער דראַמע: אַ פאַרנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך אַראָפּ איבערן האָריזאָנט, ווי אַ מעשענער אָנגעגליטער באַלעם, אַן הענגענדיקער, וואָס האָט דאָס וואַסער אַזוי אָנגעגליט, אַז מען האָט עס בייטאָג נישט געקענט טרינקען, נאָר וואַרטן אויף ביינאַכט עס זאָל זיך אָפּקילן אַ ביסל. און דאָס וואַסער האָט געהאַט אַזוי פיל זאַלץ, אַז עס האָט נישט דערלאָזט עס זאָלן וואַקסן פלאַנצן אין גאָרטן. שוין אָפּגערעדט פון דעם „קאָמפּאָט" — די טויט־שלאַנגען, וואָס האָבן געלויערט, און די „דינגאָס" וואָס האָבן פאַרצוקט די שעפּסן, און די זלידנע פליגן און די מאָסקיטאָס וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן קערפּער.

נישט איין מאָל — שרייבט זי — האָט זי געוואָלט נעמען פאַרנאַכט אַ שווערן האַמער אין האַנט און אַ זעץ

טאָן אין דער זון... און צו בלייבן וואוינען אין די וויסטענישן, באַזונדערס ווען עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער, און קיין דאָקטער האָט מען נישט געקראָגן אויף הונדערטער מיילן (דער „פליענדיקער דאָקטער" אינעם הינטערלאַנד, געהערט שוין צו אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל אין דער אויסטראַלישער געשיכטע) — אין ליכט פון דעם קען מען ערשט באַגרייפן וויפל אויסדויער און מוט די פּיאָנערישע קאָלאָניסטן האָבן געדאַרפט פאַרמאָגן אין יענער צייט.

עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ בילדל פון איר שילדערונג, ווען אירס אַ יינגעלע האָט באַקומען שטאַרקע קאָנוווּלסן, און געווען איז זי דאַן אין די הויכע מאָנאַטן. אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג געראַנגלט צו דערהאַלטן דאָס קינד ביים לעבן אין אַ גליענדיקער הויכער טעמפּעראַטור. ערשט פאַרנאַכט, ווען ס'איז געוואָרן עטוואָס קילער, האָט זי אים אַוועקגעפירט צו אַ דאָקטער — אַ נסיעה אויך אויף אַן אָנגעגליטן זאַמד נאָך פון דער בייטאָגיקער זון.

זי דערציילט אויך אַן עפּיזאָד. ווען איר פינף־יאָריק יינגעלע האָט אַוועקגעוואַנדערט פון שטוב צענדליקער מיילן, און ווען מען האָט אים ענדלעך געפונען, האָט ער דערציילט, וואָס ער האָט אַלץ דורכגעמאַכט אין דער פינצטערער נאַכט. דאָס זענען נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדן — שפּריצן פונעם טעגלעכן לעבן פון דער פּיאָנערישער תקופה אין אויסטראַליע.

* * *

אַן ענלעכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע בעת אירע פּיאָנערישע יאָרן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס מיט 200 יאָר צוריק (1776) איז אין אַמעריקע שוין געווען דאַן אַ נעץ פון קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַטלאַנטישן ברעג ביזן פּאַציפיק און אַפילו דעם אַרקטישן אָקעאַן. די קליינע באַפעלקערונג איז געווען צעשפּרייט איבערן ברייטן קאָנטינענט מיט זיינע גרויסע שטחים לאַנד.

ווי אַזוי פון אַ געוויינטלעכער אַגראַרישער געזעלשאַפט איז געוואָרן די וועלט־גרעסטע טעכנאָלאָגיש־אַנטוויקלטע ציוויליזאַציע מיט איר סאָפיסטיצירטקייט — ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען אין אַזאַ קורצן געשיכטלעכן שפּאַן — דאָס איז אַ קאַפּיטל מיט וועלכן מיר קענען, נאַטירלעך, זיך דאָ נישט פאַרנעמען. מען קען נאָר באַמערקן, אַז די א"ג „גרינדונגס־פאָטערס" פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך דאָס נישט געחלומט עס זאָל קומען צו אַזאַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון לעבן.

אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז דער פּראָצעס אָפּגעשפּיגלט געוואָרן דורך קינסטלער און סאָציאָלאָגן. מיר וועלן דערמאָנען נאָר דאָ דעם שרייבער דאַניעל י. בורסטין, וועלכער האָט אין זיינע פאַרטיפטע אַנאַליזן באַהאַנדלט די טראַנספאָרמאַציע, וואָס אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט סאָציאַל־פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, ביז עס איז געוואָרן דאָס וואָס מיר קענען היינט אונטערן נאָמען פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ....

איך גלויב, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט אויסטראַליע דורכגעמאַכט אַן ענלעכן פּראָצעס אין דער טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג, ווי אין דער אויספורעמונג פון נאַציאָנאַליזם. אויך אַפילו אין די ליטעראַטורן פון ביידע קאָנטינענטן זענען דאָ געמיינזאַמע שטריכן. למשל, אין די ווערק פון הענרי לאָוסאָן, מערי גילמאָר, אָדער אָ'דאָוד, קען מען געפונען בשותפותדיקע עלעמענטן מיט די ווערק פון וואָלט וויטמען. אַוודאי זענען אויך פאַראַן אונטערשידן אינעם צוגאַנג צום נייעם לעבן אין לאַנד און צו ערדישקייט־דעטאַלן בכלל, צו וועלכע אויסטראַלישע שרייבערס גייען צו מער אוממיטלבאַר, ווי די אַמעריקאַנער. כאַראַקטעריסטיש: עס האָט גענומען אַ הונדערט יאָר ביז די אַמעריקאַנער שרייבערס האָבן אויפגעהערט נאָכגיין די ליטעראַרישע מאָדעס פון ענגלאַנד און ווערן אומאָפּהענגיק. עס איז אַ פאַקט, אַז ביז 1865 האָבן אַמעריקאַנער שרייבערס אימיטירט דאָנין, אַרנאָלדן, טעניסאָנען, ווודסוואָרטהן און אַנדערע. אין אויסטראַליע האָט עס גראַדע נישט גענומען אַזוי לאַנג.

אפשר איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט, וואָס אויסטראַליע איז געווען אַזוי ווייט און איזאָלירט פון די וועלט־צענטערס. דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער מינוס אויף פיל געביטן, אָבער גראַדע אין דער ליטעראַטור האָט זיך עס אַרויסגעוויזן פאַר אַ מעלה: עס האָט געהאָלפן דעם אויפשפּראָץ פון אַ קאָלאָניאַל פאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף אַ קאָלאָסאַלן שטח, ווייט און איזאָלירט פון די אַנטוויקלטע אַנגלאָ־זאַקסישע ישובים. מען האָט זיך געדאַרפט אַליין שטעלן אויף די אייגענע פיס און נישט לעבן בלויז מיט דער אימפּאָרטירטער ליטעראַטור, נאָר שאַפן אויך אַן אייגענע, וואָס אַקצעפּטירט „איינפלוסן". אָבער נישט אימיטירונג...

די אַמעריקאַנער שרייבערס, וועלכע האָבן ליטעראַריש ענדלעך דעריאָגט די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט", זענען געווען וועג־ווייזערס פאַר אויסטראַלישע שרייבערס, ווי זאָגנדיק צו זיי: — איר קענט נאָר ווערן אינטערעסאַנט, ווען איר וועט שרייבן ווי אויסטראַלישע שרייבערס, דאַן וועט איר באַקומען וויטאַליטעט, פרישקייט און קראַפט. געפינט נאָר אין זיך די כוחות איר זאָלט דערקענט ווערן אינדיווידועל, ווי אויסטראַליער, און ווי אַזעלכע וועט איר קענען ווערן אוניווערסאַלע שרייבערס.

און פונקט ווי אין אַמעריקע, זינט וויטמען איז געוואָרן דער וועג־ווייזער, איז די פּאָעזיע געוואָרן טעמאַטיש, טעכניש און מעטאָדיש — אַמעריקאַניש. אַזוי איז אויך געשען אין אויסטראַליע, זינט לאָוסאָן און זיין גרופּע איז אַרויף אויף דער בינע און די ליטעראַטור איז געוואָרן אויסטראַליש.

דער מוסר השכל פון דעם געזאָגטן, פאַר יידישע שרייבערס, ליגט ממש אויף דער האַנט. איך וועל דערייבער שטעלן דאָ אַ פּונקט און איבערגיין צו אַן ענין, וואָס האָט דירעקט צו טאָן מיט די יידישע צוגרייטונגען דאָ־הי

(אין אויסטראַליע) צו די יובל־פייערונגען פון „200 יאָר אויסטראַליע".

יידן האָבן, פּראָפּאָרציאָנעל, געגעבן אַ גאָר גרויסןביישטייער אין דער אַנטוויקלונג פון אויסטראַליע. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען דאָס גרויסע דאָקומענטירט בוך „דער אויסטראַלישער בראשית", געשריבן פון ראַביי דזשאָן ליווי און ד"ר דזשאָרדזש בענדזשאַמין. עס נעמט אַרום די ערשטע 50 יאָר פון די אויסטראַלישע קאָלאָניעס און די ראָל. וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד אין אָט די פּיאָנערישע יאָרן. דאָס איז אַ גאָר וויכטיק ווערק, וואָס באַווייזט דאָקומענטאַריש אַ ריי יידן פאַרשיקטע פון ענגלאַנד (כמעט אַלע צוליב קליינע גנבות אויף נישטיקע סומעס, פאַר וועלכע מען האָט אין ענגלאַנד צו יענער צייט געגעבן אַזש טויט־שטראָף, אויסגעטוישט אויף קאַטאָרגע). פון די יידן (נאַטירלעך נאָר פון אייניקע פאַמיליעס) זענען אַרויסגעקומען גאָר באַדייטנדיקע אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן קאָמערציאָנעלן און קולטורעלן געביט, אַנדערע אויך אין פּאָליטישן לעבן.

אָט דער אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אין אויבן דערמאָנטן בוך נעמט נאָר אָבער אַרום דעם ערשטן האַלב יאָרהונדערט פון די אויסטראַלישע קאָלאָניעס. נאָך וויכטיקער (פון אַלע אַספּעקטן) איז דער יידישער צושטייער צו דער אויסטראַלישער אַנטוויקלונג אין די לעצטע 100 יאָר. דאָס דאַרף ווערן אויסגעפאָרשט און גוט באַאַרבעט פון דער יידישער זייט און ווערן ווי געהעריק צוגעגרייט אין בוך־פאָרם אין ענגליש און אין יידיש.

דאָס איז אַ גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, וואָס דאַרף געטאָן ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלן ייד, וואָס האָט אַן אַנדער צוגאַנג צו יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. צו יידישער דערציאונג און צום יידישן נאַציאָנאַלן לעבן בכלל, וואָס באַשטייט נישט בלויז פון סינאַגאָגעס...

אַמעריקע שטייט שוין אויפן שוועל פון אירע יובליי־פייערונגען און איך גלויב, אַז דער יידישער אָנטייל וועט. מסתמא, זיין אַ גאַנץ אָנגעזעענער און אַ געהעריק צוגעגרייטער. אונדזער אויסטראַלישער ישוב האָט נאָך גענוג צייט זיך צוצוגרייטן צו די פאָרשטייענדיקע גרויסע פייערונגען מיט אייגנס. און איך מיין, אַז „קדימה" דאַרף נעמען די איניציאַטיוו און רופן באַראַטונגען פון אַקאַדעמישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע קרייזן, צוצוגרייטן אַ ריי פּראָיעקטן, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דעם יידישן בייטראָג אין אויסטראַליע. פון קאָלאָניאַלן פּעריאָד ביז היינט צו טאָג.

אונדזער יידישער סעקטאָר וואָלט געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט שאַפן די מיטלען עס זאָל אַרויסגיין אַ באַנד פון די מוסטער־ביכער אין אַרגענטינע א"נ „אַנטאָלאָגיע — אויסטראַליש". לעצטנס איז דערשינען אַזאַ „אַנטאָלאָגיע — קאַנאַדיש". און אַפילו אַזאַ קליינער ישוב ווי טשילי, האָט אויך צווישן די מוסטער־ביכער אירס אַן אַנטאָלאָגיע. אין דעם באַנד דאַרפן אַריינגיין ליטעראַרישע. פּובליציסטישע (און סאָציאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכע) אַרבעטן; אויך אַ סך בילדער פון יידישע אייגנטימלעכקייטן אין אויסטראַליע, וואָס האָבן אַ געשיכטלעכע באַדייטונג. דאָס איז נאָר איין ביישפּיל וועגן פּראָיעקטן. וועלכע פאָדערן פיל צייט ביים צוגרייטן און זיי ווי געהעריק רעאַליזירן.

לויט אַלע סימנים גייען מיר איצט אַדורך אַ פּעריאָד פון אַ וואַקסנדיקער שטאָלץ פון נאַציאָנאַלע קולטורן. אויך דאָס דאַרף קומען צום אויסדרוק לגבי אונדזער יידישער קולטור ביים אָפּצייכענען דעם 200־יאָריקן אויסטראַלישן יובל. אין דעם דערמאָנטן בוך פון אויסטראַלישן בראשית ווערט פאַרצייכנט, וואָס פאַר אַן אָנטייל יידן (אָדער פון יידישן אָפּשטאַם) האָבן געהאַט בעתן ערשטן קאָלאָניאַלן פּעריאָד אין עקספּאָרט און אימפּאָרט קיין אויסטראַליע: רוי־שטאָפן, אַגראַר־פּראָדוקטן, דער אָנטייל אין דער וואָל־פּראָדוקציע, אַזוי אויך אין אימפּאָרט פון אויסגעאַרבעטע זאַכן, אין וועלכע יידישע סוחרים האָבן זיך אַרויסגערוקט אויבן־אָן. קאָמערציאָנעל איז דעמאָלט שוין געווען אַ צוויי־זייטיקער פאַרקער, אָבער אין קולטורעלן זין נאָר איין־זייטיק, מחמת די קאָלאָניעס האָבן נישט געהאַט דאַן וואָס צו עקספּאָרטירן...

זינט דעם צווייטן וועלט־קריג האָבן אויסטראַלישע קינסטלערס און שרייבערס דערגרייכט אַ וועלט־רעפּוטאַציע און הויכע פּאָפּולאַריטעט. ווערק פון אַ ריי אויסטראַלישע שרייבערס זענען געוואָרן „בעסט־סעלערס" אויף דעם ביכער־מאַרק פון פיל לענדער און קאָנטינענטן. אויסטראַליע האָט איצט שוין וואָס צו עקספּאָרטירן אויך פון איר ליטעראַטור און קונסט.

ווידער דער צווייג פון דער אויסטראַלישער יידישער ליטעראַטור האָט אויך אַן אָפּקלאַנג אין דער יידישער קולטור־וועלט, וואָס וועט זיך זייער וואַרעם אָפּרופן. מסתמא, אויף אַן אַנטאָלאָגיע — אויסטראַליע.

ווען איך האָב דעם יאָר שטודירט די אויסטראַלישע ליטעראַטור און אַנאַליזירט אירע וויכטיקסטע שרייבערס, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די נויטיקייט פון אַ באַזונדער גרעסערע אַרבעט וועגן יידישער טעמאַטיק און יידישע טיפּן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. מיר לעבן מיט אונדזערע נישט־יידישע שכנים אין אויסטראַליע, זינט איר אַנטשטייאונג. ווי אַזוי זעען מיר אויס אין די אויגן פון אַ נישט־יידישן אויסטראַלישן שרייבער? ווי אַזוי קוקט ער אויפן יידישן אַסימילאַטאָר? וועלכע זענען די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע יידישע טיפּן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור? און ווי אַזוי האָבן אויסטראַלישע יידן—שרייבערס געשילדערט דאָס אימיגראַנטישע יידישלעבן?

דאָס זענען אָנגעצייכנטע, אָדער נאָר אָנדייטנדיקע, פּראָיעקטן וועלכע דאַרפן אַריינגייך אין דעם פּלאַן פון די צוגרייטונגען צו דעם 200־יאָריקן יובליי פון אויסטראַליע, וואָס דאַרפן ערנסט דורכגעטראַכט ווערן, אָדער מיר טרעטן צו צו קאָנקרעטע מעשים.

ס. בורשטין

# מעדיטאַציעס וועגן דער אויסטראַלישער אַרבעטער־באַוועגונג

אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט

פאַר מיין קומען קיין אויסטראַליע האָב איך געהאַט אַ שטיקל באַגריף וועגן דער ראָל פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג (טרייד־יוניאַן) און פון דער אויסטראַלישער לייבאָר־פּאַרטיי אין די געשטאַלטונג פון פּאָליטישן לעבן פון אויסטראַליע. די דאָזיקע צוויי קערפּערשאַפטן, די צוויי־איניקייט האָבן געפורעמט די אויסטראַלישע דעמאָקראַטיע. איז געווען פאַר מיר נאָרמאַל (צו מיין אָנקומען קיין אויסטראַליע) אַלס אַרבעטער צו ווערן אַ מיטגליד אין מיין יוניאָן. כאָטש ס'איז נישט קיין צוואַנג, קיין מוז־זאַך צו געהערן צו אַ יוניאָן, האָב איך מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די ווענדונג פון מיין פאַבריק־דעלעגאַט צו ווערן אַ מיטגליד אין מיין פאַראיין. בפרט, אַז די יוניאָן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פעסטונג. וואָס האָט אויסגעקעמפט אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַ געזעצלעך־געזיכערטן מינימום־לוין, שכירות וואָס זענען נישט אויסגעשטעלט אויפן חסד פון דעם פאַבריקאַנט אָדער אונטערנעמער.

אידער איך גיי איבערגעבן מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער יוניאָן־באַוועגונג, איז נויטיק אַ ביסעלע געשיכטע, כדי צו פאַרשטיין ווי אַזוי די אויסטראַלישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט.

אין די צייטן פון 18־טן יאָרהונדערט, בעת דער אינדוסטריאַליזאַציע אין ענגלאַנד, זענען דאָרטן פאַרגעקומען גרויסע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפן. די אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די ענגלישע ריכטער, כדי פּטור צו ווערן פון די רעוואָלוציאָנערן, פון די, וועלכע שטערן די „רו", האָט זיי פאַרמשפּט פאַרשיקט צו ווערן אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. אָבער דאָרטן איז די לאַגע געוואָרן נישט זיכער מיט דער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג קעגן דער ענגלישער הערשאַפט. איז אויסטראַליע געוואָרן דאָס צווייטע אָרט פאַר אַזאַ פאַרשיקונג. בפרט, אַז די ווייטקייט איז געווען ווי אָנגעמאָסטן נישט צו קענען אַנטלויפן.

די דאָזיקע ערשטע סעטלער — „קאָנוויקטס", פאַרברעכערס — ווי מ'האָט זיי גערופן וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אין דער אַלטער היים פּראָטעסט קעגן עוולות און דיסקרימינאַציעס, פאַרביטערט קעגן סאָציאַלן אומיושר, באַהויכט מיט רעוואָלוציאָנערן מוט, האָבן געפורעמט דעם כאַראַקטער פון פּאָליטישן קאַמף.

אַלס צייכן פון דער דאָזיקער אויסשוילונג און פאַרהאַרטעוועטקייט, קען דינען דער גרויסער סאָציאַלער אויפשטאַנד אין באַלאַראַט, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע פון אויסטראַליע אונטערן נאָמען „יוריקאַ־סטאָקייד. דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1854 און איז ביזן היינטיקן טאָג דער סימבאָל פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע רעכט.

שוין אין די 50־קער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט פירן אַ ריי שטאַטן פון אויסטראַליע איין דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. פון יענע צייטן ביז היינט שטייט אַנטקעגן דעם „טריידס־האָל" (די געביידע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין מעלבורן), אַ מאָנומענט פון דריי אַכטן — 8 8 8 , וואָס באַדייטן: 8 — אַכט שעה אַרבעט; 8 — אַכט שעה פאַרברענגען; 8 — אַכט שעה רו.

פאַר אַ פרישן עמיגראַנט איז עס נישט אַזוי לייכט צו באַנעמען די גרויסע סאָציאַלע דערגרייכונגען פון די אויסטראַלישע אַרבעטער. אין אייראָפּע האָט מען נאָך ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געקעמפט צו ערשט פאַר אַ 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און שפּעטער פאַר אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. ערשט נאָך דער מלחמה האָט מען אָנגעהויבן צו ראַטיפיצירן, נאָך גרויסע פּאָליטישע קאַמפן, דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. און דאָ אין אויסטראַליע, מיט 75 יאָר פריער, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג שוין אויסגעקעמפט דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן די טרייד־יוניאָנס אויסגעקעמפט אַ געזיכערטן, געריכטלעך־געשיצטן מינימום־לוין. אַפילו יעדע לוין־העכערונג איז אויך געזיכערט מיט אַ געריכטלעכן אורטייל.

צי קען אַ יונגער אימיגראַנט, אַ „גרינער", אין יאָר 1928, דאָס אַזוי לייכט פאַרשטיין?... איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז צו געהערן צו אַזאַ משפּחה איז נישט נאָר אַ פאַרגעניגן, נאָר אויך אַ זכיה.

* * *

ס'איז מיר אַ לענגערע צייט נישט אויסגעקומען צו קומען אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט מיין יוניאָן. זען פון דער נאָענט, ווי אַזוי ער אַרבעט; ווי איז די באַציאונג פון דער אָנפירערשאַפט צום יחיד, צום פּשוטן מיטגליד. דער פאַבריקס־דעלעגאַט מאָנט טאַקע אויף דעם יוניאָן־אָפּצאָל, און מיט דעם ענדיקט זיך עס. בין איך געווען מער ווי צופרידן, ווען מיין יוניאָן־טוער האָט מיר געמאָלדן, אַז אין קורצן ווערט געפייערט דער „לייבאָר־דעי" דער אַרבעטער־יום־טוב. דעמאָלט קומט פאַר אַ דעמאָנסטראַציע, וואו די אַרבעטער מאַרשירן איבער די גאַסן פון מעלבורן מיט זייערע פענער און לאָזונגען. דאָס פאַלט אויס יעדעס יאָר די צווייטע וואָך, אַ מאָנטיק, פון חודש מערץ.

און נישט דעם 1־טן מאַי?